# הבינוני

פרשת תרומה ||| שנת תשפ"ד לפ"ק ||| גליון מא ||| שנה ב'

שיעורי הרב שמעון שפיצער שליט"א

"להבין ולהשכיל לשמוע ללמוד וללמד לשמור ולעשות ולקיים"
הבינוני
שיעורי הרב שמעון שפיציער שליט"א



**פטרון סדר שמות**
**ע"י אחד מבני החבורה**
**לעילוי נשמת אביו ע"ה**
זכות לימוד התורה
יעמוד לו ולזרעו עד עולם


## בך בטחתי

### ירוין מדשן ביתך;
דערגרייכן דעם קלימאַקס פון הנאה דורך בטחון

שיעורי חוה"ל שער הבטחון שיעור כ"ב, יום ראשון פרשת האזינו ז' תשרי תש"פ

א

## וברוב חילו לא ימלט; מ'קען זיך נישט נעמען אַליין קיין שום תוצאות פון תענוג

### אויף דער וועלט קען מען זיך נישט ברענגען קיין תוצאות

מיר האָבן פאָריגע וואָך געלערנט וואָס דער **בעל חובת הלבבות** שמועסט אויס אין דער פתיחה צום שער הבטחון, אַז אפילו איינער וואָס האָט גאָר אַ גוטע פרנסה, ער קען איבערדרייען רויע מאַטעריאַל צו גאָלד, אָבער ער איז קיינמאָל נישט פאַרזיכערט אַז ער וועט טאַקע קענען הנאה האָבן דערפון, ווייל צום ביישפיל, אויב ער וועט קראַנק ווערן ל"ע וועט ער נישט קענען געניסן פון די אַלע געלט און אַלע געשמאַקע זאַכן וואָס ער האָט פאַרדינט.

מען האָט שוין אַרומגערעדט אַז דאָ ליגט אַ וויכטיגער יסוד וואָס מ'דאַרף געדענקן, אַז דער רבוש"ע האָט באַשאַפן די וועלט אויף אַן אופן וואָס **מיר האָבן בכלל נישט קיין שום וועג צו ברענגען תוצאות אויף למעשה!** מיר האָבן נישט קיין שום מעגליכקייט אַז די ערוואַרטעטע הנאה זאל בפועל אָנקומען צום מענטש!

דאָס הייסט אַז אפילו איינער וואָס פאַרדינט אַסאַך געלט און מ'זעט בחוש אַז ער איז ממש באמת מצליח, ווי מ'רופט דאָס אויף דער גאַס. נישט אַז ער פרובירט נאר צו מאַכן שיין געלט, נאָר ער האָט טאַקע מצליח געווען מיט פרנסה, אָבער ווען ס'קומט צו דעם חלק אַז ער זאָל קענען הנאה האָבן פון זיין געלט, ער זאָל האָבן אַ לעבן פון תענוג, **דאָס איז שוין נישט אין זיינע הענט!** דער אויבערשטער מאַכט נאָכאַנאַנד אַזעלכע מצבים וואָס דער מענטש איז דאָרט נישט מצליח צו באַקומען די הנאה!

### מאַך זיך דיין אייגענעם משל

דער חובת הלבבות האָט געוואָלט געבן אַ משל צו דעם מושג, אַז ס'ליגט נישט אין אונזערע הענט צו באַקומען תענוג, דעריבער האָט ער געגעבן אַ ביישפיל פון דעם 'בעל האלכימיה' וואָס פאַרדינט אַסאַך געלט, אָבער ער קען נישט הנאה האָבן דערפון. די סיבה וואָס שטערט אים די הנאה איז אַז ס'איז אים געשען אַ קרענק.

מ'דאַרף אָבער געדענקן אַז דער חובת הלבבות נוצט דאָס בלויז אַלס אַ משל. ער ברענגט אַזאַ סאָרט ביישפיל פון אַ גרויסער עושר וואָס איז קראַנק ל"ע און קען נישט געניסן פון זיין עשירות. דער כלל איז אַלעמאָל אַז ווען מ'זאָגט אַ משל ווערט עס בעסער נקלט אין דעם מח, עס קריכט טיפער אַריין אין האַרץ, אָבער אויב מיר לערנען דעם חובת הלבבות און מיר בלייבן שטעקן בלויז מיט דעם ספּעציפישן משל טוט עס נישט אויף דעם תועלת וואָס דער מחבר האָט געוואָלט.

דער מענטש דאַרף זיך מסביר זיין דעם געדאַנק וואָס ליגט אונטער דעם משל און ער דאַרף דאָס צושטעלן זיין אייגענע פּרטיות'דיגע לעבן. מ'דאַרף נעמען דעם משל און עס איבערזאָגן פאַר זיך אַליין, אין דעם אייגענעם מצב, מיט אַלע אַנדערע סאָרט משלים און ביישפּילן וואָס קומען אונטער אין לעבן.

### קיינער איז נישט צעבראָכן אַז ער קען נישט פליען אין די לופט

ווען אַ מענטש ווייסט אָט דעם כלל אַז "איך קען קיינמאָל נישט ברענגען קיין תוצאות", באַקומט ער אַ געוואַלדיגע ישוב הדעת מיט אַ שמחה! דאָס איז אים מונע אַזויפיל עגמת נפש!

ווען מען ווייסט לכתחלה דעם כלל אַז: "דער רבוש"ע האָט נישט באַשאַפן די וועלט אויף אַן אופן אַז מענטשן זאָלן קענען מאַכן תוצאות", דעמאָלט האָט מען לכתחלה אַן אַנדערן בליק צו אַלע סאָרט פעולות פון השתדלות! פונקט ווי קיינער וועט נישט פּרובירן צו פליען אין די לופט, **ווייל מען ווייסט אַז דאָ אויף דער וועלט האָט דער אויבערשטער אַזוי באַשאַפן דעם מענטש אַז ער קען נישט פליען.** קיינער ווערט נישט צעבראָכן דערפון: "כ'האָב שוין אַזויפיל מאָל פּרובירט צו פליען און ס'איז נישט געגאַנגען"... מען פּרובירט ניטאַמאָל צו פליען, ווייל מען ווייסט אַז מען קען נישט!

ממש דאָס זעלבע איז אויב דער מענטש ווייסט זייער קלאָר, אַז אפילו ווען ער איז עוסק אין השתדלות פאר פרנסה אָדער פאר שידוכים, איז אָבער די וועלט נישט געבויעט געוואָרן אויף אַזאַ אופן אַז מיר קענען מאַכן תוצאות! ער האָט די ידיעה נאָך איידער ער הייבט אָן מיט סיי וועלכע פעולות, און דעריבער האָט ער נישט קיין עגמת נפש אויב די תוצאות איז נישט געוואָרן, ווייל **וואָס האָסטו געמיינט, מ'קען עפּעס מאַכן תוצאות?** האָסט טאַקע געמיינט אַז מ'קען זיך ברענגען תענוג און הנאה? דאָס איז דאך אַ טעות אין דעם גאַנצן וועג וויאַזוי די בריאה איז באַשאַפן געוואָרן!

ווען מען לעבט אַזוי ברענגט דאָס אַ געוואַלדיגע

רואיגקייט אין דעם גאַנצן מהלך החיים פונעם מענטש!

## געליטן צוועלף שעה אין דעם באַקוועמען 'ביזנעס קלאַס' זיץ

אַ איד האָט לעצטנס דערציילט אַן עפּיזאָד וואָס האָט מיט אים פּאַסירט, וואָס ברענגט שטאַרק אַרויס די נקודה, און עס זאָגט פּשוט איבער די ווערטער פון דעם חובת הלבבות, אָבער מיט אַן אַנדערע סאָרט משל:

דער איד פאָרט אַסאַך אַרום אין דער וועלט און כדי ס'זאָל אים זיין באַקוועם נעמט ער געוויינליך אַרויס דעם 'ביזנעס קלאַס'. אויסערדעם קלייבט ער זיך אויס אַז ער זאָל האָבן פון די בעסטע זיץ פּלעצער וואָס איז דאָ אפילו אין יענעם אָפּטיילונג. ווען מען פאָרט אַסאַך לערנט מען זיך שוין אויך אויס וואָס איז אַ באַקוועמע זיץ...

דערציילט דער איד אַז איינמאָל, ווען ער האָט געדאַרפט פאָרן אויף אַ לענגערע רייזע, האָט ער ווי זיין שטייגער זיך שוין אויסגעקליבן וואָכן און חדשים בעפאָר אַ גוטן זיץ, כדי צו פאַרזיכערן אַז זיין נסיעה זאָל קלאַפּן בשלימות. ער האָט טאַקע באַקומען זיין אויסגעוועלטע זיץ און ער האָט געפּלאַנט צו האָבן אַ רואיגע געשמאַקע וועג.

אָבער דאַן, אָנקומענדיג אויפ'ן פליגער, האָט זיך אַראָפּגעזעצט נעבן אים אַ מענטש וואָס האָט געליטן פון אַ 'בראָנקייטיס'. דער מענטש האָט נישט אויפגעהערט צו היסן! במשך די קומענדיגע צוועלף שעה נאָכאַנאַנד האָט יענער אים אַריינגעהיסט אין זיין עסן, אין זיין אויער און אין זיין פּנים. יעדעס מאָל ווען דער איד האָט זיך געוואָלט אָפּרוען האָט יענער ווייטער געהיסט און אים נישט געלאָזט האָבן קיין שום מנוחה אַגאַנצן וועג!

ווען דער איד האָט דאָס דערציילט איז שוין געווען מער ווי דריי חדשים נאָך די מעשה און ער האָט צוגעלייגט: "איך בין נאָכנישט פּטור געוואָרן דערפון! דאָרט אויפ'ן פליגער, אין דעם ביזנעס קלאַס, בין איך געוואָרן אָנגעשטעקט פון דעם היסט, און איך ליידט נאָך ביז היינט"...

## מ'קען אַלעס טון אָבער די תוצאות וועט השי"ת געבן

ווען מען לערנט נישט ריכטיג אָפּ די מעשה נעמט מען אַרויס דערפון אַז מ'דאַרף שיקן אַ בריוו צו דער עירליין פירמע מיט טענות... כאילו מ'קען האָבן טענות, זיי האָבן דאָך גאָרנישט געקענט טון דערצו.

אָבער די ריכטיגע לימוד פון דער מעשה איז דאָך פּשוט די 'אלף בית' וואָס שטייט דאָ אין דעם שטיקל חובת הלבבות: **אפילו ווען עס קען אויסזען אַז דו האָסט מצליח געווען**, אפילו ווען דו האָסט געהאַט געלט און דו האָסט באַקומען דערפאַר דאָס בעסטע וואָס דו האָסט געוואָלט, **אָבער דער חלק אַז דו זאָלסט באַקומען די הנאה דערפון, אָט דער חלק האָט דער רבוש"ע נישט אַריינגעלייגט אין דער בריאה!**

און אויב למעשה האָסטו יאָ געהאַט סיי וועלכע

# דער מענטש האָט נישט אויפגעהערט צו היסן!

הנאה, איז דאָס געווען ווייל דער אויבערשטער האָט דיך עס געגעבן! דאָס איז נישט קיין זאַך וואָס דו קענסט ערלעדיגן בכלל!

ווען דיינע הנאות האָבן זיך יאָ אויסגעאַרבעט טראַכט נישט "כוחי ועוצם ידי, כ'האָב אַזוי שיין מצליח געווען, זעהסטו? מ'דאַרף ווייסן וואָס צו טון... מ'דאַרף האָבן דעם חוש דערצו... איך קען דאָס גוט מסדר זיין..." אדרבה, קוק זיך אַרום אויף דער בריאה, נעם מעשיות פון דיין פּריוואַטע לעבן, וועסטו זען קלאָר אַזויפיל מאָל אַז **מ'קען טון אַלע פעולות**, אָבער ווען ס'קומט צום שפּיץ, ווען מען האַלט שוין ביי די לעצטע שטאַפּל פון באַקומען די הנאה דערפון, **דאָס איז שוין נישט בידך!** דאָס קען שוין נאָר דער אויבערשטער געבן!

## דער בעל בטחון איז יאָ פאַרזיכערט מיט הנאה

ווען מען רעדט פון די נושא דאַרף מען אודאי אויך אויספירן די צווייטע זייט פון דער מטבע, וואָס דער חובת הלבבות זאָגט, אַז **דאָס איז אַלעס ריכטיג ביי איינעם וואָס איז נישט קיין בעל בטחון.**

אָבער ווען אַ איד האָט בטחון אין השי"ת, ווען אַ איד טוט די פעולה פון השתדלות וואוסנדיג אַז ער קען נישט ברענגען קיין תוצאה פון תענוג און הנאה, **דעמאָלט וועט אים שוין דער אויבערשטער געבן די תוצאות פון זיין השתדלות!** ווי מ'הערט אַסאַך מאָל פון מענטשן אַז זיי זענען געזיצן אין די פּשוט'ע 'עקאָנאָמיע' אָפּטיילונג אויפ'ן פליגער, אָבער 'פונקט' איז געווען ליידיג די זיצן פון ביידע זייטן און זיי האָבן זיך געקענט גוט אויסריען מיט אַ ישוב הדעת, אָן קיין טראָפּ עגמת נפש.

דער בעל בטחון איז געוואוינט צו זאָגן: "**וואָס וועט זיין די תוצאות איז נישט מיין עסק, די תוצאות וועט שוין דער אויבערשטער ברענגען**". און ער זעט טאַקע דערנאָך בחוש ווי דער רבוש"ע שטעלט אים צו אַז ער זאָלן האָבן אַ געשמאַקע תוצאה!

## די גוטע הרגשה באַגלייט אַלעמאָל דעם בעל בטחון

אפילו אויב אַמאָל וועט זיך מאַכן אַ יוצא מן הכלל, אַז דער רבוש"ע וועט נישט געבן די תוצאה פון הנאה פאַר'ן בעל בטחון, וועט ער ווייטער האָבן די זיסע געפיל אַז "**דאָס איז יעצט די בעסטע זאַך פאַר מיר**". ער וועט עס אָננעמען מיט אַזאַ געשמאַק, ווייל ער וועט שפּירן אַז דער רבוש"ע גיט אים יעצט אַ טובה!

אפילו ווען דער בעל בטחון גייט חלילה דורך אַ פּרשה פון אַ קרענק אָדער אַן אַנדערע עגמת נפש, וועט ער אַלעמאָל גלייבן און פילן אַז דאָס איז די בעסטע זאַך פאַר אים: "איך האָב דאָך געגעבן דעם אויבערשטן אַז ער זאָל מיר צושטעלן די בעסטע תוצאה, און אַז ער האָט מיר דאָס געגעבן איז דאָס זיכער די בעסטע! העושה לי כל צרכי! עס פעלט מיך גאָרנישט!"

## אַ זיסע געפיל אפילו ווען מען באַקומט נישט וואָס מ'האָט געוואָלט

דער כלל איז אַז יעדעס מאָל וואָס אַ מענטש טוט השתדלות, דאַרף ער געדענקען אַז ער קען נישט דערגרייכן ביז'ן שפּיץ, נאָר אויב דער אויבערשטער וועט אים העלפן, ווייל דער מענטש אַליין האָט פּשוט נישט די מעגליכקייט צו אָנקומען צום לעצטן חלק און גרעניצן פון די הנאה. אפילו ווען ער וועט שוין טון שטאַפּל איינס, שטאַפּל צוויי, שטאַפּל דריי און שטאַפּל פיר, **אָבער צום שטאַפּל פינף קען ער נישט אָנקומען מיט די אייגענע הענט.**

אויב וועט ער טון די אַלע שטאַפּלען, אינאיינעם מיט בטחון, וועט אים דער רבוש"ע געבן די תוצאה, רוב מאָל, אויף אַן אופן וואָס עס וועט אים זיין זייער באַ'טעמ'ט און געשמאַק.

אָבער אפילו אויב חלילה ער וועט נישט באַקומען די תוצאה, **וועט אים עס נאָך אַלס זיין באַ'טעמ'ט און געשמאַק**, ווייל דער בעל בטחון נעמט דאָס אָן באהבה, וואוסנדיג אַז דער רבוש"ע האָט אים דאָס געגעבן אַלס אַ 'נתינה'; צוליב כפּרת עוונות, אָדער אַז ער זאָל נאָנטער ווערן צום אויבערשטן, וכדומה. **דער בעל בטחון שפּירט דאָס ממש בחוש** און דאָס גיט אים אַן עונג בשעת מעשה!

## זיי גייען אַריבער דעם זעלבן מצב אָבער זיי זענען ווייט כרחוק מזרח ממערב

דער 'בעל בטחון' וועט קיינמאָל נישט האָבן דעם זעלבן הרגשה ווי דער מענטש וואָס איז נישט קיין בעל בטחון! ווייל אפילו זיי וועלן דורכגיין אַ סיטואַציע וואָס פון אינדרויסן קוקט אויס אַז ס'איז נישט גוט, **אָבער דער בעל בטחון וועט נישט האָבן דעם זעלבן געפיל און עקספּיריענס**, הגם ס'זעט אויס ווי ער גייט אַריבער ממש די זעלבע סאָרט זאַך ווי דעם צווייטן.

דאָס איז פונקט ווי צוויי מחותנים וואָס פירן זייער זון אונטער די חופּה, פאַר ביידע רינט טרערן פון די אויגן. איינעם רינט טרערן פון הודאה להשי"ת; ער קען נישט גלייבן אַז דער רבוש"ע האָט אים געגעבן אַזאַ זון וואָס ברענגט אים אַזויפיל נחת, ממש אַ מתנה מן השמים. ווידער דער אַנדערער מחותן רינט אים אויך טרערן אויף די עגמת נפש וואָס דער זון האָט אים אָנגעמאַכט אין די בחורי'שע יאָרן, דער טאַטע וויינט ווייל ער ווייסט נישט וואָס גייט זיין מאָרגן נאָך דער חתונה.

אויב מען קוקט פון דער זייט קען זיך דוכטן אַז ביידע מחותנים וויינען די זעלבע זאַך, אָבער באמת איז דאָ אַזאַ גרויסע חילוק צווישן זיי. דאָס

זעלבע שפּילט זיך בײַ דעם 'בעל בטחון' און דעם 'נישט בעל בטחון', ווען אײנער קוקט פון דער זײַט קען ער מײנען אַז בײדע גײען דורך די זעלבע זאַך, **אָבער באמת שפּירן זײ קײנמאָל נישט די זעלבע איבערלעבענישן!**

דער חובת הלבבות פּאַרצײלט אונז אַז אפילו ווען ס'קוקט אויס אַז דער בעל בטחון גײט אַריבער עגמת נפש איז דאָס נישט אַזוי, ווײל ער גײט יעצט אַריבער גאָר אַן אַנדערע זאַך! **ער זעט וויאַזוי דער אויבערשטער גיט אים יעצט אַ מתנה,** ער שפּירט ווי דער רבוש"ע רײניגט אים אויס ווײל ער האָט געהאַט געבעטן יום הכיפורים אַז ער וויל נאָך ווערן אַביסל מער אויסגערײניגט פון זײַנע נישט גוטע מעשים.

בשעת דער בעל בטחון טראַכט די סאָרט מחשבות פון הכנעה להשי"ת, איז אים דאָס גורם אַז **די אַלע אַרומיגע יסורים שטערן אים בכלל נישט!** ער לעבט זיך אויף אַן אַנדערע וועלט פון קרבת ה' און תענוג!

ב

# כי עמך מקור חיים; די שליסל צו תוצאות אין פּרנסה ליגט בלויז אין די הענט פון השי"ת

## די דרײַ שליסלעך וואָס אַרבעטן נישט מיט'ן סיסטעם פון טבע

אין די פריערדיגע שיעורים האָט מען שוין דערמאָנט וואָס די גמרא זאָגט אין אָנהויב **מסכת תענית**, אַז ס'איז דאָ דרײַ זאַכן וואָס דער רבוש"ע האָט בכלל נישט אַרײַנגעלײגט אין דער בריאה אַז ס'זאָל אַרבעטן מיט'ן סיסטעם פון טבע. ס'איז טאַקע דאָ אַ גאַנצע וועלט פון 'דרך הטבע' אָבער דאַן איז פאַראַן אַ ליסטע פון זאַכן וואָס האָבן נישט קײן שײכות מיט'ן טבע פון דער וועלט!

די ערשטע זאַך איז '**מפתח של גשמים**', ס'איז נישטאָ קײן שום מהלך בדרך הטבע צו מאַכן אַז ס'זאָל יאָ אָדער נישט רעגענען. לעצטנס איז געווען אין ארץ ישראל אַזאַ מעשה, אַז קײנער האָט נישט געוואוסט אַז ס'גײט רעגענען און פּלוצלינג האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַ שטורמישע גאָס רעגן צו אַלעמענס איבעררעאַשונג. די אַלע וועטער מבינים האָבן זיך געדאַרפט באַהאַלטן אין די לעכער פאַר בושה... אַזוי אַרבעט די זאַך פון 'גשמים'. ווען דער אויבערשטער וויל, דעמאָלט גײט רעגענען, דאָס איז נישט קײן חלק פון די גאַנצע מהלך פון טבע.

דאָס זעלבע זאָגט די גמרא איז בײַ דעם ענין פון '**מפתח של חיה**', וואָס דער תוספות יום טוב איז מפרש אַז דאָס מײנט 'מפתח של הריון'. דער שליסל ליגט בלויז אין די הענט פון השי"ת. און אַזוי אויך דער '**מפתח של תחיית המתים**' וואָס דער אויבערשטער אַלײן וועט טון, בעת שיעלה רצון מאת הבורא ית"ש.

די גמרא פירט דאָרט אויס **אַז 'במערבא אמרי, אף מפתח של פרנסה'**, און די גמרא איז מסביר אַז בעצם זענען אַלע חכמים אויך מסכים אַז **פּרנסה איז אַ חלק פון די ליסטע פון זאַכן וואָס האָבן נישט מיט'ן דרך הטבע.** די שאלה איז בלויז אויב מען רעכנט עס צוזאַמען מיט דעם 'מפתח של גשמים', אָדער אויב מען רעכנט אײנס באַזונדער. אָבער ס'איז זיכער אַז פּרנסה איז אויך אַ זאַך וואָס ליגט אויסשליסליך בידיו פון השי"ת!

## די זאַכן וואָס ברענגען 'חיות' אויף דער בריאה זענען אין די הענט פון השי"ת

לאָמיר דאָס אַביסל טיפער אָפּלערנען, צו פאַרשטײן עטוואָס בעסער די באַדײַט דערפון אַז די זאַכן האָט דער אויבערשטער נישט אַרײַנגעלײגט אין דער טבע:

אַלע ספרים הק' זענען מסביר אַז **אונזער גאַנצע וועלט קומט בשורש פון אַ היכל רוחניות'דיגע פּלאַץ.** דער רבוש"ע האָט געמאַכט אַז פון די רוחניות'דיגע שורש זאָל ווערן מער מצומצם און מער נתגשם, ביז עס ווערט אַ גשמיות'דיגע וועלט! די היכל שורש גײט דורך אַ גאַנצע פּראָצעדור צו ווערן איבערגעקערט און מער מגושם אַז ס'זאָל קענען אַראָפּקומען דאָ אויף דער וועלט.

אָבער דאַן איז פאַראַן אַן אויסנאַם; **ס'איז דאָ עטליכע זאַכן וואָס דער אויבערשטער האָט יאָ איבערגעלאָזט אויף די אָריגינעלע אופן!** די זאַכן האָט ער נישט מצמצם געווען און ער האָט נישט געמאַכט אַז ס'זאָל ווערן מגושם, נאָר ס'איז געבליבן פונקט ווי ס'איז אויבן. דאָס זענען די דרײַ מפתחות, מפתח של פרנסה, מפתח של הריון און מפתח של תחיית המתים.

די אַלע דרײַ שליסלעך זענען **זאַכן וואָס ברענגען אַ נײַע 'חיות' צו דער וועלט;** 'תחיית המתים' וועט ברענגען אַ נײַע חיות פאַר מענטשן וואָס לעבן שוין נישט, 'מפתח של חיה' ברענגט אַ נײַע חיות דאָס ערשטע מאָל אויף דער וועלט, און 'גשמים - פרנסה' ברענגט אַ חיות פאַר מענטשן וואָס לעבן שוין, אָבער אויב זײ וועלן נישט באַקומען קײן גשמים וועלן זײ נישט קענען לעבן. **די אַלע דרײַ זאַכן האָט דער אויבערשטער געלאָזט אויף די אָריגינעלע וועג, אַזוי ווי ס'איז געווען בעפאָר.**

## די לעכער אינמיטן וועג זענען ספּעציעל אַזוי אויסגעשטעלט געוואָרן

פאַרוואָס טאַקע האָט דער אויבערשטער אַזוי מסדר געווען אַז די עטליכע זאַכן זענען נישט נתגשם געוואָרן? **עס ליגט אין דעם אַ מורא'דיגע חסד און אהבה וואָס דער רבוש"ע האָט געמאַכט ספּעציעל פאַר אונז אידישע קינדער.** ווײל מיר געפינען זיך דאָ אין דער גשמיות'דיגער בריאה און אויב וואָלטן די זאַכן וואָס ברענגען 'חיות' אויך נתגשם געוואָרן, וואָלטן מיר געקענט בלײַבן אַזוי מגושם, אַז מיר וואָלט שוין בכלל נישט געדענקט פון רוחניות.

ווען אײנער שפּאַצירט אויפ'ן גאַס און פּלוצים זעט ער אַ גרויסע גרוב אינמיטן וועג, וואָס וועט ער טון נישט אַרײַנצופאַלן? ער וועט געבן אַ שפּרינג איבער צו דער אַנדערער זײַט פון דעם גרוב, כדי ער זאָל קענען אָנקומען ווײַטער.

דער רבוש"ע האָט ספּעציעל אַרײַנגעלײגט אין זײַן בריאה אַזעלכע סאָרט לעכער און גרובער, כדי אַז יעדעס מאָל וואָס מיר דאַרפן אָנקומען צו אַ זאַך וואָס ברענגט אונז חיות, **וועלן מיר זען קלאָר אַז ס'איז נישטאָ וואו צו גײן!** די אײנציגע לעזונג איז **צו אַרויפשפּרינגען** כלפּי מעלה, צו בעטן דעם אויבערשטן אַז ער זאָל אונז העלפן אַריבערגײן דעם גרוב!

## די גרעסטע חסד איז ווען אַ איד ווערט מקושר צו זײַן באַשעפער

די אַלע 'גרובער' אינמיטן וועג זענען געמאַכט אונז צו אויסלערנען אַז ס'איז פּשוט נישטאָ קײן אַנדערע וועג אָנצוקומען צו קײן תוצאות נאָר דורך זיך ווענדן צום אויבערשטן. **אַזוי וועט דער 'נברא' ווערט צוגעבינדן צום 'בורא'!**

דאָס איז דער גרעסטער חסד ה' וואָס דער רבוש"ע האָט מיט אונז געטון, אַז דער מענטש זאָל נישט זײַן ווי דער 'נחש' וואָס האָט באַקומען די קללה פון 'עפר לחמו' און ער האָט נישט קײן שײכות מיט זײַן בורא, ווײל ער האָט אַלעמאָל זײַן עסן גרײט וואו ער גײט נאָר. אָבער דער מענטש האָט ב"ה נישט אַזאַ אָפּציע, **ער האָט נישט קײן וועג צו באַקומען חיות נאָר דורך זײַן מקושר צום בורא!**

## "בני חיי ומזוני" האָבן נישט קײן שײכות מיט סדר פון טבע

אין ספה"ק **פרי צדיק** (שמחת תורה) שטײט אַז אָט די גמרא פון די דרײַ מפתחות וואָס דער אויבערשטער האָט נישט איבערגעגעבן פאַר די מעגליכקײט פונעם מענטש, גײט צוזאַמען מיט דער גמרא (מועד קטן כח, א) וואָס זאָגט אַז: "בני חיי ומזוני לאו בזכותא תליא אלא במזלא". בײדע גמרות זאָגן די זעלבע זאַך, ווײל די 'מפתח של חיה' איז די זעלבע זאַך ווי 'בני', די 'מפתח של גשמים' איז די זעלבע זאַך ווי 'מזוני', און די 'מפתח של תחיית המתים' איז 'חיי'.

הרה"ק **רבי צדוק** זצ"ל איז דאָרט מסביר וואָס די גמרא זאָגט, אַז די אַלע זאַכן זענען נישט געוואָנדן אין 'זכותא' נאָר אין 'מזלא'. דאָס וואָרט 'מזלא' באַדײַט אַ גאָר היכע מקור וואָס איז אַסאַך העכער וויפיל אַ מענטש קען תופס זײַן!

## אותיות מחכימות

פרי צדיק (שמיני עצרת אות מג)

ענין אומרם ז"ל שלושה מפתחות לא מסרן הקדוש ברוך הוא ביד שליח, של חיה של גשמים ושל תחיית המתים.

יש לומר שהוא על דרך אומרם ז"ל (מועד קטן כח, א) בני חיי ומזונא לאו בזכותא תליא אלא במזלא. של חיה הוא בני, של גשמים הוא מזוני, ושל תחיית המתים הוא חיי.

וזכותא הוא מעשה המצוה שעל פי השגה ושכל תפיסת האדם, ומזלא הוא המקור שלמעלה מתפיסת האדם והוא בחינת אין... ושורש שלושה דברים הללו המה מהמקור והשורש שלמעלה מתפיסת הנבראים.

דער רבוש"ע האָט געלאָזט אַז די דריי זאַכן זאלן בלייבן אָנגעהאָנגען אויף אַ פּלאַץ וואו מיר האָבן נישט קיין שום השגה דערינען, ווייל **אַזוי ווייסט דער מענטש אַז ווען ער דאַרף האָבן 'בני חיי ומזוני' קען ער ניטאַמאָל פּרובירן צו ברענגען תוצאות!** ער קען זיך בלויז ווענדן צום אויבערשטן ווייל די תוצאות ליגט נאר ביי אים אין די הענט.

### אַלע השתדלות זענען געוואַלדיג, אָבער געשען איז דאָס דורך תפלה

אין פּרשת ויחי געפינען מיר וויאַזוי יעקב אבינו זאָגט פאר יוסף אַז ער גיט אים אַ מתנה די שטאָט שכם, **"ואני נתתי לך שכם אחד על אחיך, אשר לקחתי מיד האמורי בחרבי ובקשתי"**. רש"י ברענגט פון תרגום אונקלוס אַז 'בחרבי ובקשתי' גייט אַרויף אויף תפלה, **'בצלותי ובבעותי'**.

מ'זעט פון דעם פּסוק אַ געוואַלדיגע דערהער, אַז הגם בעצם האָבן שמעון און לוי איינגענומען די שטאָט שכם. זיי האָבן געאַרבעט, זיי האָבן אויסגע'הרג'ט אַלע איינוואוינער, אַלעס געוואַלדיג, אָבער יעקב אבינו זאָגט: **ווער האָט עס למעשה קונה געווען? ווער האָט למעשה געמאַכט אַז די שטאָט זאל ווערן איינגענומען? דאָס איז געווען מיינע תפלות!** אַלע השתדלות און פּעולות איז זייער פיין, אָבער נישט אַזוי איז מען קונה זאַכן אויף דער וועלט!

ווען איינער האָט געטון השתדלות האָט ער טאַקע פּרובירט, אָבער ווען איינער האָט מתפּלל געווען דעמאָלט האָט ער עס באמת קונה געווען!

### תפלה מאַכט דעם למעשה'דיגן אויספיר

דאָס איז אַזויווי ס'מאַכט זיך אָפט ביי אַ שידוך, אַז נאָכדעם וואָס אַ שדכן האָט אויסגעפירט דעם שידוך, וואַקסן אַרויס מענטשן פון אַלע זייטן וואָס קומען דערציילט אַז זיי האָבן געהאָלפן אָנטראָגן דעם שידוך, זיי האָבן אפילו שטאַרק צוגערעדט דערצו... ס'קען זיין אַז ס'איז אמת, אָבער דער שדכן בלייבט דער וואָס האָט פּאַקטיש מצליח געווען צו אויספירן דעם שידוך אויף למעשה.

דאָס זעלבע זאָגט אונז די תורה, ביי יעדע סאָרט זאך וואָס דער מענטש באַקומט, געשעט דאָס בלויז דורך תפלה! ס'איז טאַקע אמת אַז ער האָט געטון אַלע זייטיגע פּעולות אָבער **וואָס האָט גורם געווען אַז די זאַך זאל געשען?! בלויז תפלה!** בצלותי ובבעותי!

ג

# על נסיך שבכל יום עמנו; דער בעל בטחון פאַרלאָזט זיך נישט אויף קיין נסים

### פאַרוואָס הייסט דאָס נישט "אין סומכין על הנס"?!

לעצטנס האָט איינער פון די משתתפי השיעור געפרעגט, אַז לכאורה וויאַזוי קען מען אַזויפיל חזר'ן דעם יסוד פונעם חובת הלבבות אַז ווען אַ מענטש איז עוסק אין פּרנסה, טוט ער דאָס בלויז אַלס די חלק פון השתדלות וואָס השי"ת האָט געהייסן 'לעבדה ולשמרה', אָבער דאָס האָט נישט מיט קיין געלט! זיין פּרנסה וועט קומען לאו דוקא פון זיין אַרבעט, זיין געלט קען אויך קומען פון אַ צווייטע פּלאַץ, לויט ווי דער רבוש"ע וועט מחליט זיין.

פרעגט דער איד: **פאַרוואָס גייט דאָס נישט אַריין אין גדר פון 'אין סומכין על הנס'?!**

צום ביישפּיל: ווען איינער איז אַ 'שטריימל מאַכער', דאָס טוט ער אַגאַנצן טאָג פאר פּרנסה, אויב וועט ער יעצט טראַכטן אַז זיין געלט וועט קומען פון אַ צווייטע פלאַץ, איז ער דאָך לכאורה אַ 'סומך על הנס'?! אַז ער קוקט בדרך הטבע איז דאך נאר דאָ איין געוועינליכע מהלך וויאַזוי זיין געלט זאל אָנקומען, דורך זיין שטריימל געשעפט! אָבער ביי די שיעורים חזר'ט מען אַזויפיל אַז דאָס געלט האָט נישט צוטון מיט די אַרבעט, דאָס געלט קען אונטערקומען פון אַנדערע פּלעצער, **פון וואו וועט קומען די געלט?!** ס'וועט קומען פון הימל?! הייסט דאך דאָס אַז דער מענטש איז סומך על הנס!

### ס'איז בכלל נישט קיין נסים, ס'איז מעשים בכל יום

די ערשטע פּשוט'ע תירוץ דערויף איז אַז דער רבוש"ע האָט אומצאָליגע טויזנטער וועגן און מהלכים וויאַזוי צו געבן געלט פאר מענטשן פון אַזעלכע פּלעצער וואָס זיי האָבן זיך קיינמאָל נישט פאָרגעשטעלט. ס'קומט דאָ בכלל נישט אַריין דאָס וואָרט 'נס' כאילו עס פאַלט אַראָפּ דאָלאַרן פון הימל.... **דאָס איז מעשים בכל יום וואָס יעדער איד וועלכער מאַכט חתונה קינדער קען דערויף מעיד זיין!**

נישט ווייל דער רבוש"ע העלפט בלויז פאר אידן וואָס מאַכן חתונה קינדער, נאר ווייל ווען מענטשן מאַכן חתונה קינדער זענען זיי פאַרלוירן, ווענדן זיי זיך צום אויבערשטן און **דעמאָלט באַקומען זיי טאַקע געלט פון אַלע סאָרט וואונדערליכע וועגן, פון דאָ און פון דאָרט.** יעדער איד האָט זיך זיינע מעשיות וויאַזוי דער רבוש"ע האָט אים געהאָלפן אויף אַזעלכע אופנים וואָס ער האָט זיך קיינמאָל נישט געראָכטן.

**דאָס הייסט אינגאַנצן נישט קיין 'סומכין על הנס', ווייל ס'איז נישט קיין נס!** דער רבוש"ע דרייט אַגאַנצע צייט די בריאה אַז ס'זאָל אפילו אויסקוקן ווי אַ מהלך פון בדרך הטבע, אַז פּונקט איז אָנגעקומען דאָס געלט. מ'דאַרף נישט שפּאַלטן די הימל אַז ס'זאָל אַראָפּקומען די שפע, **ס'איז זאַכן וואָס געשען יעדן טאָג** וויאַזוי אידן בעטן דעם אויבערשטן און ער שיקט זיי דאָס געלט פון אַלע סאָרט אופנים!

### ביי דעם ענין פון פּרנסה מוז מען שפּרינגען צום רבוש"ע

אָבער באמת איז די תשובה אויף דער שאלה נאָך טיפער:

דער רבוש"ע האָט בדוקא אַזוי אויסגעשטעלט זיין בריאה אַז ס'איז דאָ פּלעצער וואו מען קען בשום אופן נישט אַליין אָנקומען. אַזוי ווי מ'האָט דערמאַנט דעם משל אַז ס'איז ספּעציעל דאָ פאַרשידענע גרובער אינמיטן וועג, **כדי אַז דער מענטש זאל מוזן געבן אַ שפּרינג אַרויף צום אויבערשטן.**

געוועינליך פירט זיך טאַקע די וועלט בדרך הטבע, אָבער ס'איז דאָ פאַרשידענע זאַכן וואָס דאָרט אַרבעט עס נישט מיט קיין טבע, **דאָרט קען מען נישט גיין נאָרמאַל, מען דאַרף אַרויפשפּרינגען!**

דער רבוש"ע האָט דירעקט אַזוי באַשאַפן די בריאה, ווייל ער האָט געוואָלט אַז **די נבראים זאָלן קענען מכיר זיין אַז ס'איז דאָ אַ בורא.** אַזוי וועלן מענטשן כאַפּן אַז יעדע זאַך אויף דער וועלט איז פול מיט נסים ונפלאות! דעריבער איז דאָ אַזויפיל זאַכן וואָס דער רבוש"ע האָט געמאַכט אַז ס'איז נישטאָ דאָרט קיין שום מהלך פון טבע.

ווען אַ מענטש פרעגט: געלט קען קומען פון הימל?! דאַרף מען אים זאָגן אַז ער זאָל באַטראַכטן די נס פון רעגן! ביי גשמים זעט מען קלאָר ווי דער רבוש"ע האָט אויסגעשטעלט אַז עס פּאַסירט נישט בדרך הטבע, נאר עס פאַלט טאַקע פון הימל. **זאָגט עס אַרויס נאָכאַמאָל: "רעגן פאַלט פון הימל"!** אַזוי איז די וועלט געוואָרן מסודר, אַז די דריי מפתחות קען מען נישט באַקומען, בלויז דורך אַ נס מן השמים!

## בטחון האָט נישט קיין שייכות מיט 'סומכין על הנס'

דער כלל פון "אין סומכין על הנס" איז געזאָגט געוואָרן כלפּי אַ מענטש וואָס טוט נישט זיין אויפגאַבע, ער פּאָלגט נישט זיין תפקיד וואָס ער דאַרף טון, ווייל ער פאַרלאָזט זיך אויף אַ נס, דאָס איז טאַקע נישט אויסגעהאַלטן.

אָבער דאָס מיינט אודאי נישט אַ איד וואָס טוט וואָס מ'דאַרף און ער גלייבט און לעבט מיט דער אמונה אַז דאָס געלט קומט נישט פון זיין השתדלות. **ער האָט נישט קיין מהלך צו מסביר זיין וויאַזוי דער רבוש"ע גייט אים שיקן זיין געלט, אָבער ער איז זיכער אַז דער אויבערשטער גייט אים העלפן!** ער האָט נישט קיין מושג וויאַזוי אָבער ער ווייסט קלאָר אַז זיין געלט קומט בלויז פון השי"ת!

דאָס האָט נישט קיין שייכות מיט דעם ענין פון "סומכין על הנס". **אדרבה, דער רבוש"ע וויל אַז אַ איד זאָל לעבן אַזאַ סאָרט וועג און זיין אויסגעטון פון אַלע מהלכים פון טבע!** והא ראי' אַז דאָס איז דער רצון ה', ווייל מ'זעט דאָך אַז דער אויבערשטער האָט געמאַכט אַז ביי די ענינים פון "בני חיי ומזוני", זאָל מען גאָרנישט קענען טון צו ברענגען תוצאות! ס'איז נישטאָ קיין שום וועג וויאַזוי צו געהאָלפן ווערן מיט די זאַכן, ווייל ער וויל מיר זאָלן וויסן אַז ס'איז תלוי אין די הענט פון הקב"ה.

## די מתנה וואָס אידן האָבן באַקומען; מיר ווייסן דעם סוד

אָט דער יסוד איז אַזאַ וויכטיגע ידיעה אין לעבן, אַז אפילו ווען להבדיל אַ גוי וואָלט דאָס געוואוסט וואָלט ער אויך געהאַט אַ לעבן פון הצלחה! אַזוי האָט דאָך דער רבוש"ע באַשאַפן די גאַנצע עולם הגשמי, אַז די תוצאות קומען נאר פון אים אַליין!

ווען אַ גוי וואָלט זיך געוואָנדן צום רבוש"ע, אודאי וואָלט ער געהאַט אַסאַך מער הצלחה. ס'איז דאך נישטאָ קיין שום אַנדערע וועג ווי תפלה! אויב איינער וואָלט אויסגעזאָגט דעם סוד פאר אַ גוי וואָלט דער גוי זיכער געהאַט אַ בעסערע לעבן - אפשר איז עס 'לא תחנם' אַז מ'גיט פאר אַ גוי אַזאַ גרויסע מתנה...

אָבער טאַקע **וויבאַלד דער אויבערשטער האָט אַזוי מורא'דיג ליב געהאַט כלל ישראל האָט ער אונז פאַרציילט דעם סוד!** ער האָט אונז מגלה געווען וויאַזוי די בריאה אַרבעט, אַז תוצאות קען מען בלויז באַקומען דורך תפלה און בטחון, **ווייל ער האָט געוואָלט אַז מיר זאָלן האָבן אַ גליקליך לעבן!**

## אַ אידישע תפלה טוישט די טבע, אַלעמאָל און איבעראָל

באמת, ווען דאָס בית המקדש איז געשטאַנען בזמן הבית, זענען די גוים טאַקע געקומען אין בית המקדש מקריב זיין קרבנות. זיי האָבן געהאַט אַ געוויסע שייכות לפי ערכם. זיי האָבן געקענט קומען רעדן צום רבוש"ע און זיי האָבן טאַקע געהאַט הצלחה, ווי די תפלה פון שלמה המלך ביים חנוכת הבית המקדש (מלכים א, ח). ווייל דער גוי איז דאך אויך אַ נברא, און **ווען דער נברא ווענדט זיך צום בורא, באַקומט ער תוצאות.** אַזוי אַרבעט די טבע פון די מציאות העולם!

> **זיי זענען געזיצן אין די פּשוט'ע 'עקאנאמיע' אָפּטיילונג אויפ'ן פליגער, אָבער 'פונקט' איז געווען ליידיג די זיצן פון ביידע זייטן**

אידישע קינדער האָבן זוכה געווען אַז דער רבוש"ע האָט אונז מגלה געווען וויאַזוי מיר זאָלן דאָס טון בשלימות, וויאַזוי מיר זאָלן דאַווענען ריכטיג, און ער איז אַלעמאָל מקבל אונזערע תפלות, אויך ווען מיר האָבן שוין ליידער נישט דעם בית המקדש, ווי דער פּסוק זאָגט אין פּרשת ואתחנן: **"כי מי גדול אשר לו אלקים קרובים אליו כה' אלקינו בכל קראינו אליו"**. דאָס הייסט אַז די גרעסטע מתנה וואָס אידן האָבן באַקומען איז אַז **סיי ווען מיר דאַווענען, סיי וויאַזוי מיר דאַווענען, ווערט אַלעמאָל אָנגענומען אונזערע תפלות!** אפילו ווען מיר שפּירן נישט די גרויסע כח פון תפלה איז אָבער דער רבוש"ע נישט מבזה די תפלות פון אידישע קינדער קיינמאָל!

די גאַנצע "מסכת תענית" איז נישט קיין מסכת פון תעניתים, ס'איז אַ מסכת וואָס פאַרציילט אונז דעם סוד פון דער בריאה. וויאַזוי אַרבעט עס אויף דער וועלט צו באַקומען גשמים?! ענטפערט די גמרא: דורך מתפּלל זיין!

אַזוי זאָגן מיר אויך יעדן טאָג אין דער פּרשה פון "והיה אם שמוע". וויאַזוי מאַכט מען אַז ס'זאָל קומען גוטע רעגן מיט השפּעות טובות?! דורכדעם וואָס אידן זענען מקושר צום בורא וועט עס געשען אַז דער אויבערשטער וועט שיקן אַלעס גוטס! דאָס איז וויאַזוי די בריאה איז אויסגעשטעלט אפילו בדרך הטבע!

## אַז מען האָט בטחון האָט מען נישט קיין 'מחלת לב'

מען האָט שוין געלערנט אין די פריערדיגע שיעורים וואָס **שלמה המלך** ע"ה זאָגט אין משלי (יג, יב): "תוחלת ממושכה מחלה לב", אַ מענטש וואָס וואַרט אויף עפּעס און ס'קומט נישט אָן ווערט ער זייער צעבראָכן. דאָס איז ווייל ער ווייסט נישט דעם סוד פון דער בריאה, ער פּרובירט צו באַקומען זיין הנאה פון אַנדערע פּלעצער, דערפאַר ווערט ער פאַרוויייטאָגט און קראַנק דערפון.

אָבער אַ איד וואָס ווייסט דעם סוד וויאַזוי "בני חיי ומזוני" קומען אַראָפּ, אַזאַ איד לערנט זיך אויס וויאַזוי צו דאַווענען און וויאַזוי צו זיין נאָענט צום בורא און ער שפּירט דערפון אַ געוואַלדיגע חיות. **ווען ער רעדט צום בורא וועט ער שוין נישט האָבן קיין 'תוחלת ממושכה'**, ווייל ער האָט זיך אויסגעלערנט וויאַזוי די וועלט אַרבעט.

דער בעל בטחון ווייסט ביי זיך קלאָר אַז ס'איז בכלל נישט מוכרח אַז ווייל ער אַרבעט מיט שטריימלעך וועט ער באַקומען זיין געלט פון שטריימלעך, **דער רבוש"ע קען אים שיקן דאָס געלט אויך פון אַנדערע פּלעצער.** אויב ער זעט אַז דער אויבערשטער וויל אים פירן אויף אַ צווייטע פּלאַץ שפּירט ער זיך בכלל נישט צוגעבינדן דוקא צו די שטריימל ביזנעס. ער דאַרף בלויז טון זיין השתדלות און דער אויבערשטער וועט אים שוין שיקן זיין געלט, אָדער פון דעם פּלאַץ אָדער פון אַ צווייטע פּלאַץ.

## די תכלית הנברא; מכיר זיין דעם בורא

די סיבה פאַרוואָס דער אויבערשטער האָט טאַקע אַזוי געמאַכט אַז אַסאַך מאָל טוט מען השתדלות דאָ און מען באַקומט די געלט פון דאָרט איז טאַקע דערפאַר **ווייל דער רבוש"ע וויל נישט אַז דו זאָלסט זיך בוטח זיין בדרכי הטבע!** דער רבוש"ע וויל דיך ראַטעווען! ער וויל דו זאָלסט געדענקן אַז די דריי 'מפתחות' האָט ער איבערגעלאָזט ביי אים און נאָר ער טיילט פּרנסה!

דער איד וואָס פרעגט אַז מ'טאָר נישט זיין קיין בוטח על הנס, קען מען באַרואיגן אַז דאָס איז בכלל נישט קיין נס! **דאָס איז די פּשוט'ע סדר וויאַזוי דער רבוש"ע האָט באַשאַפן די בריאה, אַז ווען מען איז מתפּלל ווערט מען געהאָלפן!** גשמים מיט פּרנסה ליגט אין זיינע הענט. דאָס איז די מציאות וויאַזוי זאַכן אַרבעטן.

ווילאַנג מען כאַפּט דאָס נישט איז מען טאַקע צעבראָכן, אָבער **איינמאָל מען אַנערקענט דעם פּשוט'ן פאַקט הייבט מען אן לעבן אַ געשמאַקע לעבן.**

פאַרשטייט זיך אַז אויב מען ווייסט נישט וויאַזוי צו דאַווענען, מען מיינט אַז דאַווענען איז עפּעס אַ שפּיל אַז דאָס וואָס איך האָב מחליט געווען די מינוט דאָס דאַרף איך יעצט באַקומען, דעמאָלט קען מען טאַקע יאָ האָבן 'תוחלת ממושכה', אָבער דערפאַר דאַרף מען טאַקע האָבן דעם ריכטיגן בטחון און וויסן וויאַזוי מען גייט צו דערצו, **דעמאָלט ווערט מען קיינמאָל נישט צעבראָכן אָדער פאַרלוירן חלילה!**

דאָס איז אויך דער יסוד פון "אל תחקור אחר העתידות", - דער בעל בטחון טראַכט נישט פון קיין תוצאות, ווייל ער ווייסט גוט אַז **ס'ליגט סייוי נישט ביי אים אין די הענט!** ער קען נישט האָבן קיין שום פּלאַן וועגן דעם עתיד וואָס ליגט ביים אויבערשטן אין דער האַנט. דעריבער האָט ער טאַקע נישט די 'תוחלת ממשוכה', ווייל ער ווייסט וויאַזוי זאַכן אַרבעטן דאָ אין דעם סדר הטבע פון דער וועלט!

# אור החיים הק'

## בשבילי נברא העולם;
### יעדער איינער האָט זיך זיין ספּעציעלע שליחות

ליל שישי פרשת תרומה שנת תשפ"ב

א

## בשם כל ישראל; די תורה קען בלויז נתקיים ווערן דורך אַלע אידן צוזאַמען

**אותיות מחכימות** — אור החיים הק' תרומה כה, י

**וְעָשׂוּ אֲרוֹן עֲצֵי שִׁטִּים.**

טעם שבארון שינה ה' את דברו הטוב מכל הכלים, שבכולם אמר ועשית שולחן ועשית מנורת וגו' ואת המשכן תעשה ועשית את המזבח עצי וגו', וגם בפרטי הארון עצמו גמר אומר בנוכח, דכתיב וצפית אותו, ויצקת לו, ועשית בדי וגו'.

אולי שרמז שאין גופה של תורה יכול להתקיים אלא בכללות כל ישראל, ואין מציאות בעולם יכול עשות כל עקרי התורה, וזה לך האות, אם הוא כהן הרי זה אינו מקיים נתינת כ"ד מתנות כהונה ופדיון בכור וכו', ואם הוא ישראל הרי אינו יכול לקיים מצוות עשה שבהקרבת הקרבנות ודיניהם אשר רבו מצוות עשה שבהם, וכן לוי, ובכללות כל ישראל יקיימו כללות עקרי התורה.

לזה אמר ועשו לשון רבים, ובשאר פרטי תיקוני הארון אמר לשון יחיד, כי לתקן כלי התורה, שהם לומדיה ועמליה והכנותיה, יכולין להתקיים מאדם אחד.

### ביים ארון שטייט אַ לשון רבים

אויפ'ן פּסוק "**וְעָשׂוּ אֲרוֹן עֲצֵי שִׁטִּים**" שטעלט זיך דער **אור החיים הק'** אַז ביי דעם ענין פון מאַכן דעם ארון נוצט די תורה אן אַנדערע לשון ווי ביי אַלע אַנדערע כלים. איבעראָל שטייט אַ לשון יחיד: 'ועשית מנורת', 'ואת המשכן תעשה', 'ועשית את המזבח', אָבער ביי דעם ארון שטייט אַ לשון רבים: 'ועשו ארון'.

אפילו ביי דעם ארון אַליין, ווען די פּסוקים הייבן אן רעדן פון די פּרטיות'דיגע זאַכן פון דעם ארון, שטייט שוין יאָ אַ לשון יחיד: 'וצפית אותו', 'ויצקת לו', 'ועשית בדי'. ס'איז אַ לשון נוכח פאר משה רבינו, דער רבוש"ע באַפעלט אים "זאָלסט טון אַזוי און אַזוי".

אָבער ביים אָנהויב, דאָרט וואו די תורה באַפעלט אויף דעם מלאכת הארון שטייט דאָס לשון 'ועשו ארון' - "**דער עולם זאל מאַכן!**" ס'איז נישט קיין לשון נוכח, נאר ס'איז ווי מ'רעדט צו גאַנץ כלל ישראל, יעדער זאָל עס מאַכן! פאַרוואָס שטייט דאָס פּונקט ביים ארון, און טאַקע בלויז ווען די תורה רעדט וועגן דעם 'כלליות' פון מאַכן דעם ארון, אָבער שפּעטער ווען מ'רעדט פון די פּרטי הדברים גייט שוין די תורה צוריק צו אַ לשון יחיד. וואָס איז פּשט דערפון?

### אַ יחיד קען נישט מקיים זיין אַלע תרי"ג מצוות

ענטפערט דער אור החיים הק' אַז דער פּסוק לערנט אונז אַ געוואַלדיגער כלל: אַז דער קיום התורה, **דער יסוד פון תורה, קען זיך נישט האַלטן בלויז דורך אַלע אידן צוזאַמען!** דער ארון איז דאָך דער כלי וואָס דאָרט איז געליגן די 'לוחות העדות', דאָרט איז אויך געליגן די ספר תורה, דער ארון איז די כלי פון די תורה.

דאָס זאָגט דער פּסוק: **ועשו ארון! די תורה ווערט געמאַכט נאר "דורך אַלע אידן צוזאַמען"**. ס'איז נישטאָ קיין שום מציאות אַז איין מענטש אליין זאָל קענען מקיים זיין אַלע פּרטים פון דער תורה.

דער אור החיים הק' ווייזט אָן צום ביישפּיל אַז אַ כהן קען נישט מקיים זיין די מצוה פון געבן כ"ד מתנות כהן, פּדיון הבן, א.א.וו. דאָס זענען אַזעלכע מצוות זענען געגעבן געוואָרן בלויז פאר אַ ישראל. ווידער פאַרקערט, אַ ישראל קען נישט מקיים זיין די אַלע פילע מצוות וואָס איז שייך ביים מקריב זיין קרבנות, ס'איז דאָ זייער אַסאַך מצוות עשה'ס וואָס באַלאַנגט נאר פאר כהנים. אויך דער לוי האָט זיך זיינע הלכות וואָס אַ צווייטער קען נישט מקיים זיין.

די איינציגע וועג וויאַזוי ס'קען אויסקומען אַז מ'זאָל מקיים זיין אַלע מצות פון דער גאַנצער תורה איז **דורך אַ כלליות פון אַלע אידן צוזאַמען.** דער אור החיים הק' דערמאַנט דעם יסוד אויך אין פּרשת פּקודי (לט, לב) אַז ס'איז נישט שייך צו טון אַלע תרי"ג מצוות נאר דורך זיך מחבר זיין מיט אַלע אידן, 'ואהבת לרעך כמוך'.

### 'ועשו ארון' - נאר אַלע אידן צוזאַמען

לויט דעם פאַרענטפערט דער אור החיים הק' פאַרוואָס דער פּסוק זאָגט דאָס לשון ביים ארון 'ועשו', ווייל **בלויז דער גאַנצער עולם צוזאַמען, אַלע אידן אינאיינעם**, **קענען מאַכן דעם ארון וואָס איז מרמז אויף תורה.** מ'קען דאָך נישט זאָגן פאר איין מענטש 'ועשית ארון', ווייל ער קען דאָך נישט אַליין מקיים זיין די תרי"ג מצוות!

דער אור החיים הק' ערקלערט אַז דערנאָך, ווען דער פּסוק רעדט פון די 'פּרטים' פון מאַכן דעם ארון, דעמאָלט שטייט שוין יאָ אַ לשון יחיד, ווייל די 'כלים' פון דער תורה, סיי די וואָס לערנען און האָרעווען אויף תורה, און סיי די וואָס זענען תומך תורה, דאָס קען יאָ געטון ווערן דורך איין מענטש. ס'קען אַמאָל זיין אַ כולל וואָס איין איד איז דער תומך פון דעם גאַנצן כולל.

נאָכמער איז דאָס שייך ביי לומדי תורה, אַ איד וואָס פלאָגט זיך צו לערנען קען דורכלערנען גאַנץ ש"ס איינער אַליין, ער האָט נישט געדאַרפט קיינער זאָל אים העלפן. ביי די פּרטים פון דער תורה קען זיין אַז איין מענטש זאל דאָס מקיים זיין, אָבער ווען מ'רעדט פון מקיים זיין אַלע תרי"ג מצות, דעמאָלט איז נישטאָ אַזאַ מציאות. נאר ווען יעדער צוזאַמען לייגט אַ פּלייצע דעמאָלט האַלט זיך די תורה!

ב

## חביב אדם שנברא בצלם; דאָס חשיבות פון יעדן יחיד אין כלל ישראל

### וויאַזוי קענען מיר באַקומען חיות פון אַלע תרי"ג מצוות?!

דער שטיקל אור החיים הק' גיט אונז אַ נייע בליק וויאַזוי מיר דאַרפן אָנקוקן דאָס גאַנצע אידישקייט.

מיר ווייסן דאך אַז די תרי"ג מצוות זענען קעגן די רמ"ח אברים און שס"ה גידים פון דעם מענטש. אויב עס פעלט אַ מצוה פאַר'ן מענטש פעלט אים יעצט חיות. עס פעלט אים אַ חלק פון זיין לעבן! פּונקט ווי ווען אַ מענטש איז חלילה בלינד אויף איין אויג, איז ער אַ בעל מום ל"ע. דאָס איז נישט קיין זייטיגע זאַך, ס'איז אַן ערנסטע מום! שוין אָפּגערעדט אויב ס'פעלט אים חלילה ביידע אויגן אָדער עס פעלט ח"ו אַ פיס אָדער אן אַנדערע אבר, איז דער מענטש אַ צעבראָכענע זאַך.

אויב אַזוי שטעלט זיך די קשיא: **וויאַזוי קען זיין אַז אַ מענטש קען נישט מקיים זיין אַלע תרי"ג מצוות?!** וויאַזוי קען מען באַקומען די חיות פאר די רמ"ח אברים און שס"ה גידים אויב מען קען ניטאַמאָל

אַליין מקיים זיין די אַלע מצות עשה'ס און לא תעשה'ס?!

איבערהויפּט אַז אין **זוהר הק'** שטייט דאך זייער שטאַרק אַז יעדער מענטש מוז באַקומען זיין חיות פאר יעדן אבר דורך די מצוות. דער זוהר הק' שרייבט זייער שאַרף אַז אויב עס פעלט אפילו איין מצוה דעמאָלט פעלט אים חיות פאַר אַן אבר. **וויאַזוי קען דעמאָלט זיין אַז ס'איז דאָ מצוות וואָס דער יחיד קען נישט מקיים זיין?!**

## אַלע אידן צוזאַמען זענען משלים די תרי"ג מצוות

די תירוץ דערויף איז אַז דער רבוש"ע האָט דירעקט נישט געוואָלט מאַכן אַז אַ מענטש אַליין זאָל קענען מקיים זיין די גאַנצע תורה! השי"ת האָט בדוקא אַזוי אויסגעשטעלט אַז איין איד זאל דאַרפן אָנקומען צו אַ צווייטן איד, און נאר אַזוי זאָל מען קענען אָנקומען צו אַ שלימות פון קיום התורה!

די תרי"ג מצוות מוזן פּאַסירן דורך אַלע אידן צוזאַמען, ווייל דאָס ברענגט אַ געוואַלדיגע הכנעה פאַר'ן מענטש, ווען ער ווייסט אַז ער קען נישט אַליין דאָס טון. **אויב וויל ער מקיים זיין די תורה בשלימות דארף ער עס טון מיט אַנדערע אידן.** דאָס איז די גרעסטע דערמאַנונג פאַר'ן מענטש אַז ער קען זיך נישט אַליין קיין עצה געבן!

## די זיסע וועג פון דער תורה; הכנעה אָן קיין צעבראָכנקייט

ווען מען איז זיך מתבונן זעט מען אַן אינטערעסאַנטע זאַך. אויב מען וויל זאָגן פאר אַ מענטש: "דו דאַרפסט זיין אַ נכנע. דאַרפסט זיך פירן מיט הכנעה און ענוה, דאַרפסט וויסן אַז דו קענסט גאָרנישט אַליין באַווייזן, ביזט נישט אַזוי חשוב ווי דו מיינסט, יענער איז אויך חשוב", קען מען דאָס טון אויף צוויי סאָרט וועגן.

**די ערשטע וועג קען מען דאָס זאָגן אויף אַן אופן וואָס ס'זאָל צעקלאפּן דעם מענטש.** מ'קען אים דערמאַנען זיינע חסרונות און אים פאָרהאַלטן: "זאָלסט וויסן אַז דו ביזט גאָרנישט אַזוי חשוב ווי דו מיינסט..."

**אָבער דער רבוש"ע האָט אויסגעשטעלט זיין וועג אַנדערש.** אָט די נקודה אַז קיין שום מענטש קען נישט מקיים זיין די גאַנצע תורה אַליין, נאר צוזאַמען מיט אַנדערע אידן, **דאָס צעברעכט נישט קיינעם!** אדרבא, עס גיט אונז צו פאַרשטיין אַז ס'איז נישטאָ קיין שום מענטש וואָס האָט עפּעס אַ שוואַכערע שליחות דאָ אויף דער וועלט!

## קיינער איז נישט איבריג אויף דער וועלט

אָט די הבנה אַז די תרי"ג מצוות קען נאר געשען דורך כלל ישראל צוזאַמען, ברענגט אונז צו פאַרשטיין און גוט אַנערקענען אַז **ס'איז נישטאָ אַזאַ באַגריף פון אַ איד וואָס איז איבריג! יעדער איינציגסטער מענטש וואָס איז דאָ אויף דער וועלט האָט אַ ספּעציעלע שליחות וואָס בלויז ער קען דאָס מאַכן און די גאַנצע וועלט דארף אים האָבן!** קיינער קען נישט זיין קיין שטעלפאַרטרעטער אויפ'ן פּלאַץ פון אַ צווייטן, צו אויספירן יענעמ'ס שליחות. ווייל ווען יאָ וואָלט דאך דער רבוש"ע נישט באַשאַפן דעם ערשטן מענטש... ס'איז נישטאָ קיין איבריגער מענטש אויף דער וועלט!

קומט אויס אַז אין די זעלבע נקודה ליגט פון איין זייט **אַ מורא'דיגע חשיבות** פאר יעדן מענטש, און פון די אַנדערע זייט ליגט דאָ **אַ מורא'דיגע הכנעה**, צו וויסן אַז אַליין איז מען גאָרנישט.

דאָס איז טאַקע די געזונטע וועג צו לעבן און טראַכטן על פי תורה. **אַזוי דאַרף מען אָנקוקן אַנדערע מענטשן און אַזוי דאַרף מען זיך אַליין אָנקוקן.** דער בליק דאַרף זיין אויף אַזאַ סאָרט אופן. דאָס הייסט: "איזהו מכובד המכבד את הבריות"!

## וויסן די אייגענע חשיבות און געדענקן אַז מ'דאַרף אויך האָבן אַנדערע

אַמאָל זעט אַ מענטש אַז ער האָט אַ געוויסע כשרון, ער האָט אַ ספּעציעלע מעלה, ער האָט אַ באַזונדערע מצוה וואָס ער איז מקיים שטאַרקער פון אַנדערע מענטשן. למשל ער האָט אַ געפיל צו 'שילוח הקן', ער העלפט מענטשן וואָס ווילן טון די מצוה ווייל זיי דאַרפן ישועות, ער האָט אויפגעשטעלט אַ גאַנצע גמ"ח און ס'איז געוואָרן ממש זיין מצוה.

אַזאַ איד מעג וויסן דערפון, **ער מעג האָבן חיות דערפון**, ער מעג זיין בשמחה און נעמען סיפּוק פון דעם פאַקט אַז ער איז זייער ספּעציעל מיט דער מצוה. מ'דאַרף דאָס זייער שטאַרק מחשיב זיין, אָבער גלייכצייטיג דאַרף ער געדענקן אַז דאָס איז למעשה איינס פון די תרי"ג מצוות, און פּונקט ווי יענער דארף אָנקומען צו אים פאר דער מצוה, **דאַרף ער אָנקומען צו אַנדערע כדי צו מקיים זיין אַנדערע מצוות!**

אָט די 'מחברת הכללית' פון כלל ישראל מאַכט אַז אין דער זעלבער צייט וואָס דער מענטש האָט סיפּוק און שמחה פון די זכות וואָס איז אַריינגעפאַלן אין זיין חלק אַז ער קען מקיים זיין אַ געוויסע מצוה בשלימות, **ווייסט ער אָבער אויך אַז ער מוז אָנקומען צו יענעם**, ער אַליין קען זיך נישט העלפן בשום פנים ואופן!

## דער רב און דער תלמיד; יעדער האָט זיך זיין עבודה

ס'איז באַקאַנט וואָס שטייט אין ספּה"ק **תפארת שלמה** (פרשת צו) און אין אַנדערע ספרי קודש, אויף דעם מאמר חז"ל '**כל המחובר לטהור טהור**', אַז ווען אַ איד איז מחובר צו אַ צדיק האָט ער די זעלבע מעלות און מדריגות פון דעם צדיק.

איז ידוע וואָס צדיקים האָבן געפרעגט וואָס איז פּשט דערפון?! וויאַזוי קען זיין אַז פון בלויז זיין אַ 'מחובר לטהור' זאָל מען שוין אָנקומען צו אַזאַ מדריגה?! דער צדיק האָט זיך דאָך אויסגעאַרבעט און אויסגעהאָרעוועט און דאָ קומט אַ איד וואָס גיט אַ קוויטל אָדער פאָרט אויף שבת צום צדיק און ער באַקומט אַלע מדריגות אָן קיין עבודה, בלויז ווייל ער איז 'מחובר לטהור'?!

האָבן צדיקים געזאָגט אַז אַמאָל איז שווערער צו זיין אַ 'מחובר לטהור' ווי צו זיין אַ 'טהור' אַליין!

דאָ ליגט אַ טיפע ווארט בדרך עבודה. דער תירוץ איז אַז באמת איז טאַקע דאָ צוויי סאָרט עבודות. **ס'איז דאָ די עבודה פון דעם צדיק, דער רַב, און דערנאָך איז די עבודה פון דעם תלמיד, וואָס דאַרף זיך מבטל זיין לרבו.** דאָס איז אן אַנדערע סאָרט עבודה וואָס באַלאַנגט פאַר'ן חסיד, אן עבודה פון ביטול.

## זיך 'מחשיב' זיין און זיך 'מכניע' זיין

דעם יסוד זעט מען אויך אין **מסכת פּסחים** (קיז, א). די גמרא ברענגט דאָרט אַז מ'דאַרף לערנען מתוך שמחה של מצוה. פרעגט די גמרא פון אן אַנדערע מימרא אַז מ'דאַרף לערנען מיט אַ געוואַלדיגע פּחד. ענטפערט די גמרא: "**לא קשיא, הא ברבה הא בתלמידא**".

דאָס הייסט אַז **ס'איז דאָ צוויי סאָרט עבודות פאר צוויי סאָרט מענטשן**, און מ'דאַרף האָבן ביידע!

דער רַב דארף האָבן דעם תלמיד און דער תלמיד דארף האָבן דעם רַב. דער תלמיד האָט אן האָרעוואַניע פון זיין אַ 'מחובר לטהור'. די עבודה האָט נישט דער צדיק! דער צדיק האָט זיך זיין האָרעוואַניע אָבער ער האָט נישט די עבודה פון זיין 'אַ תלמיד'. ס'דאַרף זיין ביידע! **משה רבינו האָט געדאַרפט האָבן אַ יהושע!** משה רבינו האָט געדאַרפט האָבן אַ כלל ישראל! און אודאי אַז כלל ישראל מיט יהושע האָבן געדאַרפט האָבן אַ משה רבינו!

דער בליק העלפט אַ מענטש צו לעבן ריכטיג! **דאָס לערנט אונז אַז אין דער זעלבער צייט וואָס ער קען זיך מורא'דיג שטאַרק מחשיב זיין, קען ער אויך זיין אַן אמת'ער נכנע!** עס איז נישטאָ קיין שום סתירה צווישן די צוויי זאַכן. ער האָט די ריכטיגע מהלך המחשבה אין מח אַז ס'זאָל זיין פּלאַץ פאַר ביידע סאָרט געפילן אויף איינמאָל!

ג

# ושכנתי בתוכם; יעדער איד איז אַ באַדייטנדע חלק פון דער השראת השכינה

## פון אַלע אידן צוזאַמען איז געוואָרן אַ משכן

דער כלל דאַרף מען זיך גוט איינ'חזר'ן, סיי כלפּי זיך אַליין און סיי ווען מען קוקט אויף אַנדערע מענטשן. אַזוי איז טאַקע געווען ווען אידן האָבן געמאַכט דעם משכן, **יעדער איינער האָט עפּעס געברענגט פאַר'ן משכן**, "זהב וכסף ונחושת ותכלת וארגמן", אַלע צוזאַמען האָבן געברענגט און **אַזוי איז געוואָרן אַ משכן פאַר'ן אויבערשטן!**

דאָס קומט אונז דערמאַנען וויאַזוי צו קוקן אויף אַנדערע אידן, אַז מ'דאַרף האָבן יעדן איינעם צו מקיים זיין די תורה בשלימות!

אַזוי אויך געווען ווען אידן האָבן עולה רגל געווען, די השראת השכינה איז דעמאָלט געשען בלויז דורך אַלע אידן צוזאַמען, ווי דער פּסוק זאָגט "ושכנתי בתוכם".

מיר וואַרטן דאך אויף דעם טאָג ווען ס'וועט זיין "וקבצינו יחד מארבע כנפות הארץ" און מיר דאַרפן זיך שוין צוגעוואוינען צו האָבן דעם ריכטיגן בליק אויף דעם ענין, אַז אַלע אידן אינאיינעם ברענגען דעם שלימות! **יעדער מענטש האָט אַ "שליחות מיוחדת עד מאוד"**, וואָס נאָר דער רבוש"ע ווייסט צי דו ביזט מקיים 'דיין שליחות' און צי יענער איז מקיים 'זיין שליחות'.

## בלויז דער רבוש"ע ווייסט וויפיל יענער פירט אויס זיין שליחות לויט זיינע כלים

בדרך כלל זענען זיך מענטשן מדמה איינער צום אַנדערן. לויט די שליחות און לויט די כלים וואָס ער

> **"אויף איינעם זאָגן מענטשן: "ער איז אַ וואוילער אינגל", און אויפ'ן צווייטן זאָגט מען: "ער איז נישט אַזאַ גוט קינד""**

האָט, האַלט ער זיך בעסער פון יענעם. אָבער דאָס איז בכלל נישט ריכטיג, ווייל **יעדער באַקומט ספּעציעלע כלים צו קענען מקיים זיין די אייגענע שליחות דאָ אויף דער וועלט.**

אַמאָל איז דאָ אַ מענטש וואָס צוליב זיין תפקיד דאַרף ער האָבן מער שכל, גיט מען אים פון הימל מער שכל ווייל דאָס איז די כלים צו קענען אויספירן זיין שליחות; אַמאָל איז דאָ איינער וואָס ער דאַרף האָבן מער געלט כדי צו קענען אויספירן זיין שליחות ריכטיג, באַקומט ער פון הימל מער געלט ווייל דאָס איז זיינע כלים.

מענטשן באַטראַכטן דאָס אָבער אומריכטיג און זיי באַשליסן - לויט די כלים וואָס זיי אַליין האָבן באַקומען - ווער ס'הייסט חשוב'ער און ווער ס'איז מער אַ מוצלח אין לעבן. אַסאַך מאָל גיט מען דאָס אפילו אַ נאָמען כאילו אַז איינער איז אַ גרעסערער ירא שמים, **הגם ס'הייבט נישט אָן האָבן קיין שייכות.** יענער האָט פּשוט באַקומען בעסערע כלים פון הימל.

מ'קען זען צוויי קינדער וואָס אויף איינעם זאָגן מענטשן: "ער איז אַ וואוילער אינגל", און אויפ'ן צווייטן זאָגט מען: "ער איז נישט אַזאַ גוט קינד". פאַרוואָס?! **האסט דאָך נישט קיין וועג צו בודק זיין, ווער ס'איז בעסער מקיים דעם שליחות וואָס מ'האָט אים אַרויפגעלייגט פון הימל!**

ס'איז טאַקע דאָ אַ מענטש וואָס האָט באַקומען אַ גרעסערע שליחות און לכבוד דעם האָט ער באַקומען בעסערע כלים, **אָבער דאָס מיינט נאָכנישט אַז ער איז מקיים זיין שליחות.** ס'איז מעגליך אַז ער איז אַביסל פוגם אין זיין שליחות! בלויז דער רבוש"ע ווייסט אויב יענער פירט אויס זיין תפקיד ווי עס פאַרלאַנגט זיך פון אים!

## די מורא'דיגע לימוד פון "מאי חזית דדמא דידך סומק טפי"

די סאָרט הסתכלות אויף מענטשן איז אַזוי אמת, אַזוי געזונט, און די תורה דערמאַנט אונז דאָס כסדר!

אַלע ווייסן דאָס לשון פון דער **גמרא** (פסחים כה, ב) אַז ווען ס'איז דאָ אַ שאלה לגבי רציחה, ווען גוים ווילן צווינגען אַ איד זאל חלילה הרג'נען אַ צווייטן איד, דאַרף מען זיך אפילו לאָזן אומברענגען און נישט הרג'נען אַן אַנדערן איד, ווייל: "**מאי חזית דדמא דידך סומק טפי? דילמא דמא דההוא גברא סומק טפי!**".

אפילו איינער וואָס איז אַ תלמיד חכם מופלג און אַ נשיא הדור טאָר ח"ו נישט הרג'נען עפּעס אַ פּשוט'ער מענטש, און אויב יאָ איז ער אַ רוצח, ווייל "מאי חזית דדמא דידך סומק טפי" - **מהיכי תיתי' אַז דו ביזט חשוב'ער פון יענעם?!**

לאָמיר זיך פּרובירן פאָרצושטעלן אַז פון איין זייט איז דאָ אַ גדול הדור, ווי דער הייליגער חתם סופר, וואָס גאַנץ כלל ישראל איז אָנגעהאָנגען אויף אים, ביי יעדן טריט ברוחניות ובגשמיות, און פון דער אַנדערער זייט איז דאָ אַ שוואַכער איד וואָס פירט זיך גאָר פּשוט, אָבער די גמרא זאָגט אונז: **וויאַזוי ווייסטו ווער ס'איז חשוב'ער?!** און אַזוי ווערט גע'פּסק'נט הלכה למעשה אַז מ'טאָר נישט מאַכן אַזעלכע סאָרט חשבונות ווייל מיר ווייסן גאָרנישט איבער די שליחות פון אַנדערע מענטשן!

## דאָס נעימות פון קונה זיין אַזאַ בליק אויף אַנדערע אידן

**דאָס איז דאך פּחד פּחדים, אָבער ס'איז אַזוי זיס!** ס'איז זיס צו לעבן אַזוי, ווייל ווען אַ מענטש לעבט מיט אָט דעם אמת שפּירט ער זיך גוט. ער קומט אַריין אין שול און קוקט נישט אַראָפּ אויף קיינעם!

אפילו ווען יענער האָט שווערע תכונת הנפש, שווערע נסיונות און ער גייט אפשר אָנגעטון אַנדערש, אָבער וואָס ווייס איך? **ס'איז דאך קלאָר אַז יענער האָט באַקומען אַן אַנדערע סאָרט שליחות!** זעהסט דאך זיין גאַנצע מצב וואו השי"ת האָט אים אַריינגעלייגט, **ער האָט זיך דאָס בוחר געווען?!** נו, איז בעסער אַז איך זאָל קוקן אויף מיך אַליינס, צו באַטראַכן **אויב איך בין יאָ מקיים ריכטיג מיין אייגענע שליחות**, אויב ביי מיר אין שטוב איז אַלעס טאַקע אַזוי אויסגעהאַלטן, לב יודע מרת נפשו!

מען דאַרף נישט זיין קיין בעל מדריגה צו באַקומען די הבנה. מ'קען זייער לייכט קונה זיין די סאָרט הסתכלות. און ווען מען קוקט מיט אַזאַ בליק דעמאָלט קען מען גאַנץ שנעל אָנקומען צו דער מסקנא אַז ס'איז זייער מסתבר אַז **יענער טוט אפשר זיין שליחות מיט אַסאַך מער שלימות ווי איך בין מקיים מיין אייגענע שליחות!**

אַזוי קען מען אָנקומען צו אַן אמת'ע הכנעה, און מצד שני האָט מען דער חלק פון 'שמחה' דערינען, אַז **מען ווייסט אַז מען איז גאָר ספּעציעל!** מען ווייסט אַז ס'איז נישטאָ קיין שום קינד, קיין שום בחור און קיין שום איד וואָס איז איבריג אויף דער וועלט!

## לימוד התורה איז בשלימות נאָר צוזאַמען מיט אַנדערע אידן

מ'זעט דעם יסוד אויך ביי לימוד התורה וואָס חז"ל זאָגן (תענית ז, א): "**חרב אל הבדים ונואלו - חרב על שונאיהן של תלמידי חכמים שעוסקין בד בבד בתורה**". דער רבוש"ע האָט דאָס אויסגעשטעלט אויף אַזאַ סאָרט אופן אַז מען קען נישט צוקומען צו אַ ריכטיגע הבנה בלויז ווען מען לערנט מיט אַ צווייטן, ווייל ס'איז 'אין דעותיהם שוות'.

הבנת התורה קען קומען נאָר דורך לערנען מיט אַנדערע. יעדע דור שפּעטער קומט צו פרישע חידושים, מען האָט אַלעמאָל איבערגעלאָזט פּלאַץ "מקום הניחו לנו להתגדר", **איין איד האָט אַזאַ דערהער, דער צווייטער האָט אַן אַנדערע קנייטש אין דער סוגיא, אַזוי מוז איינער אָנקומען צום צווייטן.**

השי"ת האָט נישט געוואָלט אַז מ'זאָל לערנען די תורה איינער אַליין, **ער האָט געוואָלט אַז די קיום התורה זאָל זיין אויף אופן וויאַזוי מען בויעט צוזאַמען אַ משכן!** אזא בליק העלפט זייער שטאַרק דעם מענטש פאר זיין תורה ועבודה און פאר אַלע זיינע ענינים פון עבודת ה'!





**פטרוני השבוע**
יעמדו על הברכה שלקחו חלק בהפצת הגליון

ידידנו הדגול
**הרוצה בעילום שמו**
לזכות רפואה שלמה בקרוב
**יהודה גרשון בן שרה**
**הילד משה בן חנה**
בתוך שאר חולי ישראל

לזכר נשמת
הרה"ק **רבי חיים זאנוויל**
**בן רבי משה** זצוק"ל
**אדמו"ר מריבניץ**

• ישלם ה' פעלם ויזכו לכל הברכות האמורות בתורה •

• **ניתן להשיג הגליון במקומות הבאים:** •

**בארא פארק:**
ביהמ"ד סאטמאר 53 לאקעץ #62
ביהמ"ד קראסנא לאקעץ #166
ביהמ"ד ראחמיסטריווקא - ליד המקוה
ביהמ"ד טאהש - ליד המקוה
The Winery 18 Ave

**וויליאמסבורג:**
ביהמ"ד סאטמאר - בנין בראך-לאקעץ #213
ביהמ"ד בראשוב

Central Market
ביהמ"ד וויען - שמש שטיבעל
ביהמ"ד קראלי - שמש שטיבעל

**מאנסי**
ביהמ"ד יטב לב דסאטמאר - 13 Monsey Blvd
ביהמ"ד סאלקא
ביהמ"ד דעלעטין
ביהמ"ד זוועהיל - West maple
ביהמ"ד ראדאשיץ - Airmont

קול הבינני: ארה"ב - 718.686.8300 | א"י. 072.257.7726 | בריטניה. 0204.586.2115 | בלגיה. 03.300.0223